אויפן יסוד פון קבלת עול, האָט אויך די השגה די שטאַרקייט און תוקף פון קבלת עול; דער קבלת עול גיט אַריין זיין תוקף אויך אין דער השגה, אַז אויך זי איז דורכגענומען מיטן תוקף בלתי מוגבל פון דעם קבלת עול.

און דאָס זאָגט די משנה „כל שמעשיו מרובין מחכמתו", די מעשים זיינען ביי אים מערער פון דער חכמה — ד.ה. אַז די מעשים און קבלת עול איז דער עיקר און יסוד פון דער חכמה — איז דאַן „אפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו", קיינע ווינטן קענען ניט רירן דעם בוים, ניט די שרשים און ניט די ענפים.

און דאָס איז אויך וואָס ער ברענגט די ראי' פון פסוק „ועל יובל ישלח שרשיו", „יובל" איז[51]) פון לשון ברענגען און ממשיך זיין, אַז די שרשים ווערן נמשך אויך אין די ענפים; אַז אויך די השגה איז דורכגענומען מיט דער התקשרות עצמית פון דער נשמה מיטן אויבערשטן, „חבוקה ודבוקה בך כו' יחידה לייחדך".

(ממאמר ד"ה פתח ר' יוסי, תשי"ט)

51) מדרש שמואל כאן.

# פרק רביעי

א. אין פערטן פרק פון אָבות זאָגט די משנה: „והוי שפל רוח בפני כל אדם". זיינען דאָ פאַראַן צוויי גרסאות: א) „בפני כל אדם" (אָן אַ ה"א); ב) „בפני כל האדם"[1]) (מיט אַ ה"א).

דער אלטער רבי אין סידור איז גורס „אדם", אָן אַ ה"א, און די גירסא ברענגט ער אויך בכמה מקומות אין חסידות. אָבער אין תניא פרק למ"ד ברענגט ער די גירסא „האדם", מיט אַ ה"א[2]).

ס'איז ידוע, אַז דער אלטער רבי האָט מדייק געווען אין תניא אויף יעדער וואָרט און אות בחסר ויתיר[3]). איז דאַך מובן, אַז דאָס וואָס ער ברענגט אין תניא די גירסא „האדם",

אשר פעם מצא מהרי"ל מיאנוביטש את אחיו רבנו הזקן יושב אצל שלחן הכתיבה והוא בהתעמקות גדולה. כשעה עברה ונתעורר אדה"ז, וירא את אחיו עומד אצלו ויאמר לו: „הנה זה שבוע השלישי שהנני מתבונן בכתיבת תיבה זו — והראה על הגליון הכתוב, מספר התניא, שהי' מונח לפניו — אם לכתבה בוא"ו החיבור (כמו תיבת ועיקרה ושרשה בפרק מ"א בתחלתו, שהי' יכול לכתוב ראשית העבודה עיקרה, וכתב ועיקרה). ואמר בזה"ל: אויף א וא"ו אין בינונים*) מאג מען אוועקגעבן זעכס וואכען און אויף דער זיבעטער וואך וועט ווערן ליכטיג ממש מיט א אור עצמי. אויף יעדער אות החיבור וואס עס איז אין ספר בינונים, האב איך איבערגעטראכט דעם גאנצן ספר" (ממכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר, כ"ח תמוז תרצ"ב).

*) בשם זה — או בשם ספר של בינונים — נקרא ספר התניא (כל הספר ולא רק חלקו הראשון) ברוב המקומות בלקו"ת (הערות שבסו"ס התניא ע' ריח).

1) ר' יונה בפירושו. וכן משמע ג"כ בס' חן טוב הובא בפי' מלאכת שלמה על אבות פ"ד מ"ד. וכן היא הגירסא במסכת דרך ארץ זוטא פ"ג: ושפל רוח בפני כל האדם.

2) כן הוא בכל הוצאות התניא שראיתי.

3) ראה ספר קיצורים והערות לתניא ע' קיח ואילך. ובקבלה במשפחת בית רבי,

מיט אַ ה"א — הגם אַז בעיקר נעמט ער אָן די גירסא „אדם", אָן אַ ה"א, ווי ער איז גורס אין סידור [4] — איז עס ווייל דאָס איז נוגע צום מסביר זיין דעם ענין וואָס ער רעדט דאָ אין תניא.

ב. בכדי צו צוקומען צו ווערן אַ שפל רוח לגבי יעדן איינעם, זיינען פאַראַן צוויי אַלגעמיינע דרכים: איין דרך איז, צו אַריינטראַכטן זיך אין דעם ווי אַזוי זיין אייגענע שלימות באַקומט ער פון דעם צווייטן [5]. וואָרום כאָטש אַז ער שטייט העכער פון יענעם, דאַך מוז ער צו יענעם אָנקומען, ווייל אַלע אידן זיינען אַ „קומה אחת שלימה", ווי איין גאַנצער קערפּער, וואָס יעדער אבר ברענגט שלימות דעם צווייטן. אויך די פיס ברענגען שלימות אפילו אין קאָפּ, אַז דוקא דורך זיי קען די קאָפּ צוקומען אין דעם אָרט וואו זי וויל. אַ צווייטער וועג איז, דורך באַטראַכטן זיך אין דער אייגענער נידעריקייט: ווי ער איז נידעריקער פון יעדן איינעם, צוליב דעם וואָס ער פאַלט אַמאָל דורך אין סור מרע אָדער אפילו בלויז אין ועשה טוב, וואָס דערמיט איז ער נידעריקער פון יעדן מענטשן, אפילו פון אַ רשע, וואָרום דאָס וואָס יענער איז דורכגעפאַלן, קען דאָך זיין אַז די אומשטענדן אין וועלכע יענער געפינט זיך האָבן אים צו דעם געבראַכט, אָדער אַז יענעמס יצר הרע איז זייער גרויס. מה־שאין־כן ער, וואָס זיין יצר הרע איז קלענער און ער דאַרף ניט האָבן אַזאַ גרויסע מלחמה מיט אים, איז אויב ער איז דורכגעפאַלן, אפילו אין אַ פיל קלענערן ענין פון דעם רשע, איז ער אַ סך ערגער פון דעם רשע.

דער אונטערשייד צווישן די צוויי דרכים איז: די ערשטע התבוננות ברענגט צו זיין אַ שפל רוח בלויז לגבי אַ אידן, ווייל דוקא אידן זיינען ווי איין קערפּער, וואָס יעדער טייל דאַרף אָנקומען צום צווייטן; די צווייטע התבוננות ברענגט צו זיין אַ שפל רוח אויך לגבי אַ ניט־אידן, ווייל ער קען ביי זיך געפינען אַז ער איז ניט אָפּגעהיט אין כמה ענינים אין וועלכע עס היט זיך אָפּ אויך אַ ניט־איד [6]. און נאָך מער: ער איז ערגער אפילו פון בעלי חיים הטמאים כו', ווייל זיי זיינען ניט משנה את תפקידם, זיי ענדערן ניט די אויפגאַבע וואָס זיי האָבן, אָבער ער קען דאָך (אויב אַפילו ניט בפועל) גלוסטן צו טאָן אַן איסור; דעם היפך פון דעם רצון העליון [7].

אָט־די צוויי סאָרטן „שפל רוח", וואָס קומען פון די צוויי אויבנדערמאָנטע סוגי התבוננות, זיינען מרומז אין די צוויי גירסאות פון דער משנה: כל „אדם" און כל „האדם". „אדם" (אָן אַ ה"א) ווערן גערופן אידן, און „האדם" (מיט אַ ה"א) ווערן גערופן אויך אומות העולם [8]. די ערשטע התבוננות ברענגט צו זיין אַ „שפל רוח בפני כל אדם", נאָר פאַר אידן,

---

4) בשער הכולל פ"ל ס"ג כתב: בפרקי אבות שבזה הסידור — של רבנו הזקן — נמצאו שינויי נוסחאות מן משניות ואפשר שמזה הטעם הדפיסם אדמו"ר בסידור.

5) ראה אגה"ק סו"ס כב. לקו"ת ר"פ נצבים. סידור שער האלול ד"ה אתם נצבים. ומעין זה ג"כ בתו"א פ' משפטים רד"ה ויראו. ולכן גם שם כתב בפני כל אדם — בלא ה"א.

6) וכמו ההתבוננות בכבוד אב דדמא בן נתינה (קדושין לא, א) וכיו"ב.

7) תניא פכ"ד ופכ"ט.

8) יבמות סא, א תוד"ה ואין.

די צווייטע התבוננות ברענגט צו זיין אַ „שפל רוח בפני כל האדם", אויך פאַר ניט־אידן.

ג. נאָך אַ חילוק אין די צווי סוגי התבוננות איז: די ערשטע התבוננות ברענגט טאַקע צו שפלות הרוח אָבער ניט צו עצבות; דאָ איז דאָך ניט דער חשבון אַז ער טויג ניט, נאָר בלויז אַז ער דאַרף אָנקומען צום צווייטן, איז קיין עצבות קען די התבוננות ניט ברענגען. דאַקעגן די צווייטע התבוננות ברענגט אויך צו עצבות, אַדער צו מרירות על כל פנים.

עבודת האדם דאַרף זיין בשמחה, און דעריבער איז דער סדר הרגיל — צו נוצן די ערשטע התבוננות, בכדי צו פועל'ן ביי זיך שפלות הרוח [9], אָבער ניט די צווייטע התבוננות, וואָס קען ברענגען צו עצבות. אָבער בשעת דער מענטש שטייט אין אַזאַ מצב וואָס ער קען ניט מלחמה האַלטן מיטן יצה"ר „מפני כבדות שבלבו" [10], צוליב דער שווערקייט וואָס אין האַרצן, איז אַט־די קליפה דאַרף מען בויגן און ברעכן מיט אַזאַ זאַך וואָס איז במינה ובדוגמתה פון דער קליפה — מרירות און עצבות (וואָס נעמט זיך פון נוגה) [11], וואָס דאָס קומט פון דער צווייטער התבוננות.

און דעריבער איז די גירסא העיקרית אין דער משנה „בפני כל אָדם", אָן אַ ה"א. נאָר אין תניא, בעת ער רעדט וועגן אָן עצה צו טמטום הלב, ברענגט ער די גירסא „בפני כל האדם", מיט אַ ה"א, ווייל דווקא די התבוננות איז אָן עצה צו טמטום הלב, עס זאָל ווערן פתיחת הלב.

(מ„תשובות וביאורים" סימן יא ב„קובץ ליובאַוויטש" חוברת יא)

ד. אין פערטן פרק פון אבות זאָגט די משנה: „שלשה כתרים הן, כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות, וכתר שם טוב עולה על גביהן". פרעגן אויף דעם די מפרשים: פאַרוואָס רעכנט ער ניט כתר שם טוב צוזאַמען מיט די אַנדערע דריי כתרים, און ער זאָגט ניט „ארבעה כתרים הן"?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז אַזוי גרויס די מעלה פון כתר שם טוב (אַ גוטער נאָמען), ביז אַז ער איז גרעסער פון כתר תורה, כתר כהונה און כתר מלכות. תורה, כהונה און מלכות זיינען דאָך אמת'ע פנימיות'דיקע מעלות, מה־שאין־כן שם טוב איז דאָך לכאורה נאָר אָן אויסערלעכע זאַך — און עס קען אַמאָל זיין, אַז מען האָט אַ גוטן נאָמען, ניט לויט די מעלות וועלכע מען פאַרמאָגט — איז ווי קען דאָס זיין, אַז כתר שם טוב זאָל זיין גרעסער פון כתר תורה, כהונה און מלכות?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין דעם לשון „עולה על גביהן", לכאורה האָט ער געדאַרפט זאָגן „למעלה מכולם", אַז דער כתר שם טוב איז גרעסער פון די אַנדערע כתרים, וואָס מיינט „עולה על גביהן". אַף די אַנדערע כתרים?

דער ביאור אין דעם: ווען איז כתר שם טוב אַ מעלה — ווען ער איז „על גביהן", ווען עס קומט נאָך די

9) ומביאה ג"כ לאהבת ישראל, כמבואר במקומות המבוארים בהערה 5, ועי"ז מגיע ג"כ למעלה עליונה יותר (ע"י שישאוף למעשת חבירו הנעלה ממנו, וכדומה) כמבואר בתו"א תולדות כ, ב. שם מקץ לא, א. לקו"ת דרושים לשמע"צ פא, א. ולכן בכל אלו הגירסא אדם בלא ה"א.

10) ראה תניא פכ"ט ואילך.

11) תניא פל"א.

פריערדיקע דריי כתרים. שם טוב אַליין איז גאָרניט אַזאַ גרויסע מעלה (ווי געזאָגט פריער אַז דאָס איז אַן ענין חיצוני), און דעריבער רעכנט מען אים ניט פאַר אַ פערטן כתר, ווייל פאַר זיך אַליין איז עס ניט קיין גרויסע מעלה. בשעת אָבער עס זיינען דאָ די דריי כתרים פון תורה, כהונה און מלכות און נאָך זיי — „על גביהן" — קומט דער כתר שם טוב, דאַן איז ער „עולה", ער איז נאָך העכער פון די דריי כתרים אַליין.

ה. דער צמח צדק זאָגט אין זיינע קיצורים אויפן מאמר ביום השמיני עצרת [12], אַז כתר מלכות איז בראש השנה, וואָס די עבודה פון ר"ה איז „אמרו לפני מלכיות"; כתר כהונה איז ביום הכיפורים, וואָס דאַן גייט אַריין דער כהן גדול „לפני ולפנים"; כתר תורה איז בשמיני עצרת (שמחת תורה), און כתר שם טוב איז דער „גדול תלמוד שמביא לידי מעשה" [13].

פון דעם וואָס כתר מלכות, כהונה און תורה, איז זייער זמן אין חודש תשרי, און ערשט כתר שם טוב איז דער ענין פון מעשה המצוות, איז מובן, אַז כתר מלכות, כהונה און תורה איז עיקר ענינם — די עבודה פון דעם אדם מיט זיך אַליין, אַז ער פועל'ט אויף זיך און ער איז קונה ענינים פנימיים וקנינים טובים בנפשו, וואָס די קנינים וועלן אים ברענגען צו מקיים זיין מצוות — דוגמת חודש השביעי (תשרי) שמושבע בכל [14] — וואָס דאַן זעטיקט זיך אָן אַ איד מיט אַלע המשכות וגילויים, און דאָס גיט אים כח אויף קיום המצוות במשך כל השנה.

און אויף דעם זאָגט מען, אַז דער קיום המצוות וואָס עס קומט נאָך דער עבודה פנימית — כאָטש אַז מצוות זיינען אָנגעטאָן געוואָרן אין דברים גשמיים און זייער עיקר ענין איז ניט צו אויפטאָן שלימות אין זיין נפש, נאָר אדרבה, אַרויסגיין פון זיך, פון זיינע ענינים רוחניים ונפשיים, און באַלייכטן די גשמיות, די גשמיות'דיקע וועלט [15] (וואָס דערפאַר ווערט קיום המצוות כנ"ל אָנגערופן „שם טוב", וואָס ענין השם איז דאָך ניט פאַר זיך, נאָר ווי ער ווערט נתגלה און האָט אַ שייכות צום זולת) [16], איז אָבער דאָך דער כתר „עולה על גביהן", ער איז העכער פון די קנינים נפשיים פון מלכות, כהונה און תורה [17], און אדרבה, די קנינים נפשיים זיינען אַ הכנה צו מעשה המצוות, וכלשון רז"ל [18] (וואָס דער צמח צדק ברענגט דאָרט אין לקו"ת): „גדול תלמוד שמ-

12) לקו"ת דרושים לסוכות פג, א.

13) בשנת תרצ"ט (שיחת יום שמח"ת), סיפר כ"ק מו"ח אדמו"ר: פעם ביאר כ"ק אדמו"ר הצ"צ ענינם של ג' הכתרים בע"פ, אותו הביאור המבואר בלקו"ת ולא סיים אז הביאור דכתר שם טוב. וכששאלוהו מהו ענינו של כתר שם טוב, ענה אז, שהו"ע הריקודים בשעת ההקפות. ע"כ דברי הרב.

**ויש לתווך ב' הביאורים: בחודש תשרי, להיותו חודש הכללי — כלולה העבודה דכל השנה, גם הענין דקיום המצות בפועל, אלא שבתשרי כ"ז הוא בכח עדיין. והריקודים (מעשה בפועל) בשעת ההקפות ענינם הוא — הקבלה בשמחה לקיום המצות בפועל במשך כל השנה.**

14) ויק"ר פכ"ט, ח.

15) ראה ג"כ לקו"ש ח"ג פ' חיי, ההפרש בין העבודה ד„זקן" להעבודה ד„בא בימים".

16) ראה לקו"ש שם פ' שמות ובהמצויין שם.

**17) ראה ג"כ לעיל פ' חיי ופ' שמות, העילוי של „בא בימים" על „זקן", ואשר ע"י בחי' השם נעשה עילוי גם בהעצם.**

18) קידושין מ, ב. לקו"ת אחרי כו, ד. ועיין הל' ת"ת לאדה"ז רפ"ד.

ביא לידי מעשה", אַז די גרויסקייט פון תלמוד איז וואָס עס ברענגט צו מעשה.

בשעת אַז דער „כתר שם טוב", מעשה המצוות, איז ניט „על גביהן", ער קומט ניט ווי אַ תוצאה פון עבודה פנימית, ובמילא האָט ער ניט קיין חיות אין די מצוות, — הגם אַז אויך דעמאָלט איז עס העכער פון קנינים נפשיים, וואָרום „המעשה הוא העיקר", — איז דאַן זיין מעלה בנוגע קיום רצון העליון, וואָס דער רצון העל־יון איז דירה בתחתונים דוקא. ס'איז נאָך אָבער ניטאָ די מעלה אין נפש האדם (וואָס אויך דאָס איז דאָך רצון העליון), און ס'איז ניט קיין כתר פאַר דעם מענטשן[19]. בשעת אָבער עס איז „על גביהן", איז זיין מעלה ניט בלויז בנוגע קיום רצון העליון, נאָר אויך אַ העכערע שלימות אין נפש האדם, כדלהלן, אַ כתר פאַר עם.

ו. דער ענין פון כתר מלכות איז קבלת עול מלכות שמים. וואָס דאָס איז די ערשטע[20] פעולה וואָס אַ איד דאַרף פועל'ן ביי זיך, ער זאָל זיין גרייט צו דינען דעם אויבערשטן בכל מיני עבודת עבד. און אָט דער קבלת עול איז זיין ערשטער פאַרבונד מיט אלקות[21].

קבלת עול אַליין איז אָבער ניט מספיק. וויל דער תכלית פון אַ אידן איז דאָך ער זאָל ווערן מיוחד מיטן אויבערשטן, און מצד קבלת עול אַליין איז ער נאָך אַלץ אַ באַזונדער מצי־אות[22], ואדרבה, ער איז אַזאַ מציאות וואָס ביי אים לייגן זיך ניט אָפּ די ציוויים פון אָדון, און דער קיום רצון האדון איז ביי אים נאָר בדרך קבלת עול.

אויף דעם קומט שפּעטער די עבודה פון כתר כהונה ביום הכיפורים, וואָס דאַן איז דער כהן גדול אַריין „לפני ולפנים"[23], אין דעם אָרט וואו עס געפינען זיך די לוחות, אויף וועלכע עס זיינען געווען חקוק (אויסגעקריצט) די עשרת הדברות. די עשרת הדברות זיינען ניט געווען געשריבן אויף זיי, וואָס ביי כתיבה איז דאָך דער דיו אַ דבר נוסף אויפן קלף, נאָר זיי זיינען געווען חקוק על הלוחות, „מיני' ובי'"[24]. און בעבודת האדם מיינט עס, אַז ער פועל'ט ביי זיך דעם קישור ויחוד מיט אלקות, ניט נאָר בדרך קבלת עול, נאָר אַז ג־טלעכקייט ווערט זיין „צורה" — זיין געשמאַק, רצון וכו'[25].

די עבודה פון כתר כהונה איז נאָך אָבער אויך ניט מספיק, עס דאַרף אויך זיין די עבודה פון כתר תורה. וויל דער יחוד פון אידן מיטן אוי־בערשטן דאַרף זיין ניט נאָר מצד כוחות מקיפים פון רצון ותענוג, נאָר עס דאַרף אויך דורכדרינגען אַלע

19) ראה לקו"ש שם ע' 955, שגם שלימות הכוונה ד„דירה בתחתונים" היא כשיש חיות במצות.

20) ולכן זמנה בראש השנה.

21) ראה תניא פמ"א (בשם זוהר פ' בהר): ואי האי לא אשתכח גבי' לא שריא בי' קדושה.

22) ראה לקו"ש ח"ג ע' 895 ואילך.

23) לשון הצ"צ בלקו"ת שם. ועפ"י מ"ש בפנים תובן בפשיטות תוספת תיבות אלו (דלכאורה, בכדי להביא ראי' שכהונה (גדולה) שייכת ליוה"כ, הי' צריך לומר שהעבודה דיו"כ — גם שבחוץ מלפני ולפנים — הוא בכהן גדול).

24) ראה לקו"ת ר"פ בחוקותי.

25) ואי"ז סותר להמבואר בלקו"ש שם ע' 985 בהערה 20 שכהונה שייך לתחילת ויסוד העבודה, קבלת עול — כי ב' ענינים בזה. ועיין ד"ה קדוש אתה תרס"ז (בהמשך תרס"ו). בשעה שהקדימו תער"ב בתחילתו. ועוד. ואכ"מ.

זיינע כוחות פנימיים, אָנהויבנדיק פון כח השכל, אַז אויך אין זיין פאַרשטאַנד זאָל זיך אָפּלייגן אלקות און נאָר אלקות. און דאָס איז די עבודה פון כתר תורה, וואָס תורה איז — חכמתכם ובינתכם, הבנה והשגה [26]).

אָבער אויך נאָך דעם וואָס ער האָט קונה געווען בנפשו די אַלע דריי כתרים, איז ער נאָך אַלץ ניט צוגעקומען צום תכלית המכוון. וואָרום נאָך דעם אַלעמען, איז ער נאָך אַלץ אַ מציאות, נאָר אַ מציאות דקדושה, זיין מציאות (זיינע כוחות מקיפים און זיינע כוחות פנימיים) איז דורכגעדרונגען מיט אלקות. דער תכלית איז, אַז ער זאָל זיך „אָוועקלייגן", מבטל זיין זיין גאַנצע מציאות צום רצון העליון; ער זאָל אַרויסגיין פון זיין מציאות. און דאָס קומט דורך „כתר שם טוב", מעשה המצוות [27]), אָוועקגעבן זיך צו באַלייכטן די וועלט.

און בשעת אַז דער כתר שם טוב איז „על גביהן", ער קומט נאָך דער עבודה פון כתר מלכות, כתר כהונה און כתר תורה, איז אויסער דעם וואָס דורך קיום המצוות פירט ער אויס דעם רצון העליון, ווערט דורך דעם אויך אַן עילוי בנפשו, עס ווערט פאַר אים אַ כתר, אַז ער קומט צו צו ביטול במציאות האמתי.

(משיחת ליל שמח"ת, תשי"ט)

ז. אין דער לעצטער משנה פון פערטן פרק אין אבות זאָגט דער תנא: „שעל כרחך אתה נוצר, ועל כרחך אתה נולד, ועל כרחך אתה חי, ועל כרחך אתה מת כו'". איז ניט פאַרשטאַנדיק: „ועל כרחך אתה חי" און „ועל כרחך אתה מת" זיינען דאָך בסתירה איינער צום צווייטן. „ועל כרחך אתה חי" מיינט דאָך, אַז דעם מענטשנס רצון איז ניט צו זיין אין אַ גוף־לעבן, ד.ה. אַז וויל די נשמה איז באַהעפט מיט אלקות, פילט זי דעם גלות פון גוף הגשמי, און דעריבער וויל זי אַרויסגיין פון דער ענגשאַפט פון דעם גוף און נפש הבהמית (וואָרום די דביקות פון דער נשמה מיט אלקות איז ניט בלויז ווען זי איז למעלה, איידער איר ירידה למטה, וואָס דערפאַר איז איר אַראָפּנידערן אין גוף אַן ענין פון הכרח — „שעל כרחך אתה נוצר וע"כ אתה נולד" — נאָר אויך שוין קומענדיק אין גוף איז זי נאָך אַלץ דבוק אין אלקות) און איר באַלעבן דעם גוף איז ביי איר אין אַן אופן פון איבערגוואַלד, „ועל כרחך אתה חי"; אָבער פון „ועל כרחך אתה מת", איז דאָך קענטיק פאַרקערט, אַז די נשמה וויל יאָ זיין אין גוף, און איר אַרויסגיין פון גוף איז בעל כרחה.

דער רע"ב טייטשט, אַז „וע"כ אתה חי" רעדט וועגן אַזוינע מענטשן וואָס זיינען מדוכא ביסורין ר"ל, און עס גייט זיי ניט אין דער לעבן — זאָגט מען צו זיי — „וע"כ אתה חי". במילא איז עס קיין סתירה ניט צו „וע"כ אתה מת", וואָס רעדט זיך וועגן דעם רוב מענטשן, וואָס ווילן יאָ לעבן. פון לשון המשנה איז אָבער משמע, אַז „וע"כ אתה חי" רעדט זיך וועגן יעדער מענטשן, פונקט ווי „על כרחך אתה נוצר כו' נולד כו'", וואָס ריידן וועגן אַלע מענטשן.

---

26) משא"כ בלוחות ובכלל בתושב"כ — שהעיקר „מקרא", קורא לה' — כמבואר בלקו"ת ד"ה ולא תשבית וביאורו.

27) וכן ע"פ הביאור (ראה לעיל הערה 13) שכתר שם טוב הו"ע הריקודים דהקפות — ענינם הוא היציאה מהגבלת מציאותו, כידוע ששמחה פורץ גדר.

**איז מבואר דער אַלטער רבי**[28]**, אַז דער סדר העבודה פון אַ אידן איז, אַז ער זאָל כסדר שטיין אין אַ תנועה פון רצוא ושוב. אַ איד דאַרף שטענדיק וועלן אַרויסגיין פון גוף — פילנדיק אַז דער גוף איז אַ גלות און מאסר פאַר דער נשמה, וואָס מצד דעם ווערט ביי אים אַ התעוררות צו אַרויסגיין פון גוף און נכלל ווערן אין אלקות ביז צו כלות הנפש. ניט מער וואָס וויסנדיק אַז די כוונה העליונה איז צו מאַכן אַ דירה בתחתונים, פועל'ט ער ביי זיך דעם „שוב", אויף צו בלייבן דאָ למטה — „אתה חי", ס'איז אָבער בלויז „ועל כרחך". לאידך גיסא: מצד דעם ביטול פון אַ אידן צו אלקות, וויל ער — ניט דאָס וואָס אים איז גוט, נאָר אויספירן די** כוונה העליונה, און וויסנדיק אַז די **כוונה איז — דירה בתחתונים, איז ביי אים דער „אתה חי" מיט אַ רצון און אַ חיות, און ער איז אַזוי שטאַרק דורכגענומען מיטן רצון צו דורכפירן די כוונה פון דירה בתחתונים, ביז אַז די יציאת הנשמה מהגוף, דאָס אויפהערן צו טאָן די עבודה אין וועלט, איז ביי אים איבערגוואַלד — „ועל כרחך אתה מת".**

די צוויי ענינים — דער רצון צו אַרויסגיין פון גוף און נכלל ווערן אין אלקות, און דער רצון צו זיין אין גוף און דורכפירן די כוונה פון דירה בתחתונים — כאָטש אַז לכאורה זיינען זיי צוויי הפכים[29], איז אין אמת'ן ברענגט איינער צו דעם צווייטן: ווען פירט זיך אויס די שלמות הכוונה פון דירה בתחתונים, דוקא **בעת ער דערהערט דעם מיצר און די** נידעריקייט פון גוף, און דער חי בגוף איז באַ עם בעל כרחו, ער וויל אַרויסגיין פון אים — דאַן דוקא קען ער אויספירן די כוונה בשלימותה. **בשעת** ביי אים פעלט אָבער אָט־די תנועה פון רצוא, דאַן קען ניט זיין דער שוב כדבעי[30], און נאָכמער — במשך הזמן קען ער פאַרשלעפּט ווערן פון דעם געשמאַק און קאָך אין וועלט. און וואָס מער ער הערט דעם מיצר פון גוף און וויל אַרויסגיין פון אים, אַלץ מער, ברענגט עס דעם „שוב" — תורה ומצוות[31].

ח. על־דרך ווי עס דאַרפן זיין די צוויי תנועות פון רצוא ושוב אין דער נשמה בנוגע איר ירידה און איר זיין אין גוף בכלל, אַזוי דאַרפן אויך זיין דיביידע תנועות בנוגע דער עבודה פרטית פון דער נשמה אין גוף: סיי די עבודה אין אַ תנועה פון „רצוא" — זיך געפינען אין די ד' אמות פון תורה און תפלה און זיין אָפּגעשלאָסן פון וועלט; און סיי אין אַ תנועה פון „שוב" — זיין אין וועלט און אין אַזעלכע ערטער וואָס זיינען נאָך דערווייטערט פון תורה ומצוות, און דאָרט מפיץ זיין די מעיינות פון תורה הנגלית **והפנימית. אַוודאי** דאַרף מען טאָקע ניט זיין אָפּגעשלאָסן פון וועלט און מען דאַרף זיך משתדל זיין צו פאַרשפּרייטן די מעיינות חוצה, אָבער צוזאַמען דערמיט דאַרף אַלע

28) **תניא פ"ג.**

29) **וב' ענינים אלו, הם בשני בחינות שבנשמה. רצוא — מצד הגילויים שלה,** ושוב — מצד העצם (ד"ה נ"ח תרס"ו (בהמשך תרס"ו)).

30) **וכן בכדי שה„רצוא" יהי' כדבעי, הוא כאשר בא מצד הרגש ביטול עצמי דנשמה,** כדיוק לשון רז"ל שצ"ל „נכנס **בשלום"** (נסמן בלקו"ש שם ע' 990), ואז, גם הרצוא הוא באופן שיביא לשוב (כמבו' בלקו"ש שם).

31) **ראה תניא פל"א.**

מאָל זיין דער הרגש אַז דער „חוצה" איז — חוצה, אַן אָרט פון ירידה וגלות, און ער קומט אַהין בלויז מצד ההכרח.

דאָס איז אויך דער ביאור אויף דעם וואָס עס שטייט אויף יעקב ובניו [32] „וירד מצרימה — אנוס על פי הדיבור", ולכאורה, וויבאַלד אַז יעקב האָט געוואוסט אַז זיין אַראָפּ־נידערן איז „על פי הדיבור", דאָס האָט דער אויבערשטער אַזוי געוואָלט, ובפרט אַז ער האָט אויך געוואוסט דעם אויבערשטנס הבטחה „אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה גו'" [33] — האָט דאָך זיין ירידה קיין מצרים געדאַרפט זיין מיט רצון און חיות — איז ניט מובן, פאַרוואָס איז עס ביי אים געווען אַ געצוואונגענע זאַך, „אנוס"?

ביותר איז ניט מובן: עס שטייט דאָך „האבות הן הן המרכבה" [34], אַז די גאַנצע מציאות פון די אבות איז געווען צו אויספירן דעם רצון העליון, ווי אַ מרכבה וואָס איז בטל צום רוכב און איז ניט קיין מציאות פאַר זיך; בפרט יעקב דער בחיר שבאבות [35] — היינט וויבאַלד אַז יעקב האָט געוואוסט אַז זיין ירידה קיין מצרים איז על פי רצון העליון, איז דאָך דאָס געווען אויך זיין רצון, צוליב זיין ביטול האמתי צו אלקות — האָט דאָס בּאַ אים לכאורה ניט געדאַרפט זיין קיין אונס.

נאָר דער פשט פון דעם איז: וויבאַלד אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַראָפּנידערן אין מצרים, וואָס דאָס איז אַ ירידה גדולה ביותר, איז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דאָס איז דעם אויבערשטנס רצון און וואָס דורך דער ירידה וועט ער צוקומען צו זייער אַ הויכער עלי', פונדעסטוועגן, וויבאַלד אַז דאָס איז פאָרט אַ גרויסע ירידה, און „כל הדרכים בחזקת סכנה" [36], (די ירידה איז שוין איצט פאַראַן און די עלי' — ווער ווייסט ווען זי וועט זיך אויספירן) [37], דעריבער איז דאָס ביי אים — אויך געווען אַן ענין פון „אנוס". ועוד — כנ"ל — ווען קען זיך אויספירן די כוונת הירידה און דער אנכי אעלך גו' — ווען די ירידה איז אין אַן אופן פון „אנוס" — בעל כרחו.

אָבער, וויבאַלד אַז דאָס איז געווען על־פי הדיבור, האָט עס יעקב געטאָן, און געטאָן בשמחה. און דורך דעם אַלעם איז געווען דער בירור הניצוצות במצרים, אַז די אידן, ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים, האָבן זיי מיט־גענומען אַלע ניצוצות הקדושה וואָס זיינען דאָרט געווען, ווי די חז"ל זאָגן [38] „עשאוה כמצודה שאין בה דגן וכמצולה שאין בה דגים", וואָס דאָס איז דער „יצאו ברכוש גדול", אַז דורך בירור הניצוצות איז זיי צוגעקומען תוספות אור און חיות פון קדושה [39].

32) הגדה של פסח.

33) בראשית מו, ד. וראה תו"א ר"פ שמות.

34) ב"ר פמ"ז, ו. פפ"ב, ו. זח"ג רנז, ב. תניא כמצויין במפתח בערך אבות.

35) ש' הפסוקים תולדות כז, כה. ראה ג"כ ב"ר פע"ו, א. זח"א קיט, ב. קמז, ב. לקו"ש שם ע' 832, 787.

36) ירושלמי ברכות פ"ד, ה"ד. קה"ר פ"ג, ב.

37) ובדוגמת ההבטחה ד„לא ידח ממנו נדח" (שבנוגע לכ"א בפרט), שאפשר להיות גם בגלגול אחר (תניא ספל"ט. שו"ע אדה"ז הל' ת"ת פ"ד, ה"ד).

38) ברכות ט, ב.

39) ראה לקו"ש שם פ' ויגש.

ט. מען האָט שוין געהערט, אַז פון יעדער זאַך דאַרף מען אַרויסנעמען אַ הוראה אין עבודה; די הוראה פון דעם אויבנגעזאָגטן:

שטופּן זיך מעצמו אין „ענגע ער־טער" דאַרף מען ניט. מען קען טאַקע אַ סך אויפטאָן, אָבער „כל הדרכים בחזקת סכנה", איז וואָס דאַרף מען אַליין קריכן אין סכנה? פאַרוואָס זאָל ער זיין דאָרט — ניט צווישן חסידים און זיין אַ משפיע, עס איז דאָך גלייכער צו זיין צווישן חסידים און זיין אַ מקבל; אַי דער גודל העלי' וואָס עס וועט זיין דורך אַט־דער ירידה? — דאָס קען מען דאָך ניט וויסן אויף זיכער, וואָרום „כל הדרכים בחזקת סכנה" אָבער די ירידה איז אַ זיכערע זאַך. בשעת מען זעט אָבער, אַז דאָס איז „על פי הדיבור", וואָרום מען הייסט און מען שיקט עם, אָדער ער זעט ווי די השגחה פרטית האָט אים געפירט און געבראַכט אין דעם אָרט, האָבן דאָן קיין אָרט ניט קיינע טענות ואדרבא: עס איז דאָך ע"פ הדיבור. — ער דאַרף וויסן, אַז בשעת ער גייט אַהין „על פי הדיבור", ער מצד עצמו איז אַן אנוס נאָר ער גייט ווייל דער אויבערשטער שיקט אים אַהין, דאַרף ער עס טאָן בשמחה, און דאָן איז ער זיכער אַז „אעלך גם עלה" און נאָך מער — וועל — „אנכי", און דער סוף וועט זיין אַז ער וועט אַרויסגיין — ברוחניות און אויך בגשמיות — „ברכוש גדול".

(משיחת ליל ב' דחג הפסח, תשי"ד)

# פרק חמישי

א. אין אָנהויב פון פינפטן פרק אין אבות רעכנט אויס דער תנא פאַרשידענע ענינים וועלכע זיינען אויסגעשטעלט אין מספר פון עשרה, און ער רעכנט זיי אויס לויטן סדר הדורות: ער הויבט אָן מיט „בעשרה מאמרות נברא העולם"; דער לעצטער פון די עשרה מאמרות [1]) — איז בנוגע אדם הראשון — קומט גלייך נאָך דעם „עשרה דורות מאדם ועד נח"; און דאַן „עשרה דורות מנח ועד אברהם"; דערנאָך — „עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו"; און ווייל איינער פון זיינע נסיונות איז געווען דער „ברית בין הבתרים" ווען דער אויבערשטער האָט אים מודיע געווען וועגן דעם גלות מצרים, איז ער באַלד נאָך דעם ממשיך — „עשרה נסים נעשו לאבותינו במצרים ועשרה על הים עשר מכות הביא הקב"ה על המצרים במצרים ועשר על הים"; פון מצרים זיינען דאָך די אידן געגאַנגען אין מדבר, רעכנט ער באַלד דערנאָך „עשרה נסיונות ניסו אבותינו את הקב"ה במדבר"; פון מדבר זיינען די אידן אַריין אין ארץ ישראל, וואָס דער תכלית פון ארץ ישראל איז דאָך דער בית המקדש, קומט נאָך דעם — „עשרה ניסים נעשו לאבותינו בבית המקדש" — און ערשט נאָכן אויסרעכענען די אַלע זאַכן, פון „עשרה", ביז דער צייט פון בית המקדש זאָגט דער תנא:

1) השיטות במנין י' מאמרות — הובאו בתורה שלמה בראשית א אות מ. ולהעיר מס' הבהיר אות קמא ואילך.